RADOMER KIELCER LEBEN № 45 (81) „Należytość pocztową uiszczono ryczałtem" צווייטער יאהרגאנג פרייז 25 גראשן

# ראדאמער-קעלצער לעבען

הײנט 12 זײטען.

אדרעסען
פון „ראדאמער קעלצער לעבען"

אין ראדאם
Redakcja i Administracja
„Radomer Kielcer Leben"
Radom, Szwarlikowska 20.

אין קעלץ.
Redakcja i Administracja
„Radomer Kielcer Leben"
Kielce, Sienkiewicza 35.

אנאָנסען פרייז:
איין מילימעטער שורה: פאָרן טעקסט 20 גר.
„ 40 „ אין „ „ „
„ 18 „ נאָכ'ן „ „ „

ראדאם פרייטאג י"ט מרחשון תרפ"ו — פאר'ן אינהאלט און טעקסט פון די אנאנסען איז די רעדאקציע נישט פאראנטווארטליך. — 6 Listopada 1925 roku

## בעקאנטמאכונג.

דער סוחרים-פעראיין אין ראדאם מעלדעט זײַנע מיטגלידער, דאס זונטאג דעם 8-טען נאָוועמבער 1925 י', 4 א זייגער נ. מ. ווערט פארקומען אין איי- גענעם לאָקאל ליבלינער 18

די יעהרליכע אלגעמיינע בעריכט'ס-פערזאמלונג

מיט פאָלגענדען טאָג-אָרדנונג:

1) עפענען די פערזאמלונג 2) וואהלען פון א פּרעזידיום 3) בעריכט פון דער פערוואלטונג 4) קאסע-בעריכט 5) דיסקוסיע 6) וואהלען פון 3 מיטגלידער אין דער פערוואלטונג 7) וואהלען פון 4 מיטגלידער אין אויפזיכטס-ראט 8) וואהלען פון 4 מיטגלידער צו דער קאמיסיע פון שידס-געריכט 9) וואהלען פון 3 מיטגלידער און 2 פערטרעטער אין דער רעוויזיאנס-קאמיסיע 10) פרייע פארשלאגען.

בעמערקונג: אין פאל ווען ס'וועט נישט זיין א גענוגענדע צאהל מיטגלידער וועט די פערזאמלונג פארקומען 6 א זייגער אין זעלבען טאג און זי וועט גילטיג זיין ביי יעדער צאהל מיטגלידער.

אנטייל נעמען אין דער פערזאמלונג האבען רעכט די מיט- גלידער, וועלכע האבען דעם מיטגלידס-אבצאהל ביז דעם 1 X 1925 ערלעדיגט. און בעזיצען א מיטגלידס-לעגיטימאציע.

א הארציגען מזל טוב ווינשען מיר אונזער ג' מיטגליד
ה' אשר קעססעל צו דער האכצייט פון זיין זיהן
**ש. קעססעל** מיט פר"ל **ס. גאלדבערג**
זאל ער פון זיי פיל נחת האבען.
די דאמען-שניידער-סעקציע ביים האנדווערקער-קלוב
אין ראדאם.

RADOM **UWADZE RODZICÓW!** RADOM

## ZRZESZENIE STUDENTÓW

URZĄDZA

**KURSY PRZYGOTOWAWCZE**

na których przysposabia się do wszystkich klas w zakresie szkoły średniej.

Udziela się również poszczególnie korepetycji.

**Specjalny kurs wieczorowy języka francuskiego i hebrajskiego.**

## Ceny kryzysowe

**Zapisy rozpoczynają się dnia 8-go b. m. w lokalu kursów przy ul. Witolda 9 (Sporna), dom rogowy I-sze piętro, w godzinach 12—2 i 5—7.**

# BANK HANDLOWY
# w ŁODZI
## Oddział w Radomiu

Centrala w ŁODZI — Oddziały w Warszawie, Lublinie i Kielcach.

Ajentury: w Zamościu i Chełmie

**wykonywa wszelkie operacje w zakres bankowości wchodzące.**

## בעקאנטמאכונג.

מיר מאכען בעקאנט דאס ג. פובליקום, דאס פון הײנט אָן האבען מיר געעפענט א ביורא א. נ. „פאליטעקס" ראדאם, וואלאָווע 5 וועלכע ערלעדיגט:

שרייבען ביטעס און קארעספאנדענץ, איבערזעצונגען פון אנדערע שפראכען אויף פויליש און פארקערט, איבערשרייבונגען אויף מאשין, פירט איין און פארמאכט האנדלס-ביכער ווי אויך שטעלט צוזאמען בילאנסען און קויפט אויס פאטענטען. אונזער ביורא „פאליטעקס" פירט אויס אלע אנפארטרויטע זאכען, פינקטליך און רעיעל.

בעמערקונג: אלעס ווערט געמאכט צו קאנקורענץ פרייזען מיט אכטונג

ביורא „פאליטעקס" ראדאם, וואלאווע 5

וועלט פערדרייט? געהאנדעלט און גע-שאכערט און צוזאמענגעברענגט איינעק וועלט מיט דער צווייטער, און מיר האבען געשפילט די ערשטע פידעל, און פון אונזער א"י וועלען מיר גלאט אזוי ארויספאהרען בהרפה ובבושת פנים?... און די חכמים פאלען גלייך אויף א גוטע עצה וואס איז שוין לאנג בעקאנט פון אונזערע ערשטע מרגלים, מען נעמט זיך צו דער ארגאניזאציע אונטער דער לייטונג „ארץ אוכלת יושביה" מען פיהרט א שטארקע אגי-טאציע די קאמפאניע צו פערגרעסערען, סיי פון די זעלבע אויבענדערמאנטע „לופט-מענשען" און סיי פון זייטיגע מענשען, וואס וואלטען זיך דא געוועןאיינגעארדענט, ווען נישט זייער אגי-טאציע, מען זעהט מיט אלע מעגליכ-קייטען די חברותא צו פערגרעסערען, אום צו קענען צוריק פאהרען „ברוב עם" און אונטער די לאזונג „נתנה ראש ונשובה", געהט מען ארום און מען רעדט אויס אסור לדבר אויף א"י און אויף אלעס וואס איז פערבונדען מיט'ן אויפבוי פון ארץ ישראל, און מען שרעקט אפ די אלע עולים מיט וואס עס לאזט זיך. זיי פערפאסען זיך ספעציעל לידער און פערשידענע שי-רים וואס כהוגן קאמבראמיטירען און גרינגשעצען ארץ ישראל, און דאס ווערט געזונגען אויף פערשידענע פער-זאמלונגען, בבדי צו מאכען א שלעכטן איינדרוק אויף די אלע צוהערער, ווי דער בעוואוסטער חרוז הסובב איז „ומפני חטאינו גלינו לארצנו" און דאס ליד וואס ענדיגט זיך „מיט א גלעזעל גאזאז" און איניגע האבען אלס לעצ-טע נקמה אין א"י, ביי זייער אבפאהרען מיט די שיף געזונגען: דאס ליד — „יעשטשע"...

עס וואלט נישט געווען ארויסגערו-פען אזוי א פערביטערונג, ווען די מענ-שען וואלטען געהאט עפעס א ריכטונג, א אידעאלע שטרעבונג, אבער זיי זענען אזעלכע וואס בעזיצען נישט קיין שום בילדונג, קיין שום קענטניש, איינפאכע עמי הארצים, בורים. סאיז כאראקטע-ריסטישע פאקט פון אגעוויסען ראדאמער וועלכע האט געזעהן די לעבענסמיטעל געשעפטען וואס זענען דא אין אלע גאסען מיט די העברעאישע שילדען „הנות מכלת" איז ער ארומגעגאנגען זוכען דעם רייכען גרינדער „חאנע מאכבלעס" וואס האט אזוי פיל פיליעס אין אלע גאסען...

וואס אנבעלאנגט זייער צוריק פאהרען, וואלט איך ווי געקענט ווינשען מיט דעם גאנצען הארצען „בצאתכם לשלום", דען א"י איז ווירקליך נישט פאר זיי און נישט זיי זענען פאר ארץ ישראל, אונזער פערביטערונג איז נור בנוגע די אפענע שנאה, וואס זיי האבען דא ארויסגעוויזען בפרהסיא ווי די ערשטע שונאי ישראל וירושלים, און האבען דא איבערגעלאזט זעהר א שלעכטען שם אויף דער אדרעס פון די פוילישע יודען, און די פוילישע יודען וועלען געוויס פון זייער קאמפראמיטאציע האבען צו זינגען און צו זאגען.

דעריבער מיר פוילישע יודען, וואס וואוינען דא אין תל-אביב, געפינען פאר נויטיג שטארק צו פראטעסטירען געגען דער געמיינער ארויסטרעטונג פון דעם סארט מענשען, און מיר בעטען די פא-לעסטינא-אמטען אין פוילען, אז זיי זאלען זיין א ביסעל פארזיכטיגער ביים אהערשיקען נייע עולים, זאלען זיי נעמען אין אכט, אז א חוץ וואס דער עולה דארף האבען קאפיטאל, זאל ער אויך בעזיצען א געוויסען אידעאל, אדער פון רעליגיעזען שטאנדפונקט, אדער פון נאציאנאלען שטאנדפונקט.

א ראדאמער.


בעדראט נישט אונזער
האנדלס—ביילאנס!!!
פאדערט איינלענדישע אויסארבייטונגען
אנשטאט אויסלענדישע

PEPEGE
פאבריקס-מארקע

„PEPEGE" קאלאשן
זענען די דויערהאפטסטע



„PEPEGE" באטן
צייכענען זיך אויס מיט זייער עלעגאנץ



„PEPEGE" ספארט—שיך זענען די פראקטישסטע
„PEPEGE" Polski Przemysł Gumowy T. A. *w Grudziądzu*,

פאלגענדע ראדאמער פירמעס האבען זיך פארפליכטעט צו באציען גומי—שיך
נאר פון איינלענדישער אויסארבייטונג

| | | | | | |
|---|---|---|---|---|---|
| H. Banker | Lubelska | 12 | N. Rozenblum | Lubelska | 21 |
| M. Łubinska | „ | 28 | I. Salbe | „ | 23 |
| S. Mazurkiewicz | „ | 19 | I. Tenenbaum | „ | 28 |
| M. I. Nirenberg | „ | 1 | F. Zylberberg | Warszawska | 2 |
| Wł. Regent | „ | 22 | | | |


# צו די וואהלען אין סוחרים-פעראיין.

## (א פאר ערנסטע ווערטער).

ווי דער סוחרים-פעראיין האט מודיע געווען, קומט היינטיגען שבת-צו-נאכט פאר די יעהרליכע אלגעמיינע בעריכט'ס פערזאמלונג, אויף וועלכער עס וועלען א חוץ אנדערע לויפענדע פראגען, אויך אויסגעוועהלט ווערען צו עטליכע מיט-גליעדער אין דער פערוואלטונג, אויפ-זיכט'ס-ראט און צו דער קאמיסיע פון שיעד'ס-געריכט, ביי דער געלעגענהייט וואלטען מיר וועלען דערמאנען דעם יודישען סוחר אין ראדאם, ער זאל ערב די וואהלען זיך פערטראכטען און ווי-סען ווען ער ברויך וועהלען פאר זיין פארשטעהער און דער יעני-גער אינסטיטוציע, וואס האט פיל צו-זאגען איבער זיינע עקאנאמישע לע-בענס-אינטערעסען. מיר זענען אין דער אמת'ן נישט אזוי נאאיוו צו גלוי-בען, אז א יודישער סוחרים-פעראיין זאל זיין די מאסגעבענדע אויטאריטעטע קערפערשאפט, וואס אויף איהר שטי-צענדיג זיך, זאלען בעשטייערט און געשאצט ווערען דער יודישער סוחר. מיר ווייסען, אז דערצו איז א ווייטער מהלך. אבער נישט קוקענדיג דערויף, דארף דער יודישער סוחרים פעראיין קעמפפען אונערמידליך צו ערווערבען אזעלכע רעכט, ווייל נישט קיין אנ-דערע, ווי ראפינירטע סוחרישע פאר-שטעהער, ווייסען אזוי גענוי אבצושא-צען דעם אמת'ען מצב, אין וועלכען עס געפינט זיך דער האנדעלס-מענש. דעריבער דארפען די געוועהלטע אין די סוחרישע אינסטיטוציעס בעשטעהן פון אזעלכע עלעמענטען, וואס זאלען האבען דעם געהעריגען מוטה צו פער-טיידיגען אלע בע'עולה'טע און גע-קוועטשטע סוחרים, ווען עס פרעסט עס דריקט דער אונגעהויערער לאסט

# וואס הערט זיך אין קעלץ

## פון שטאנד—געריכט

היינטיגען דינסטאג איז אין היגען קרייז-געריכט בעטראכט געווארען דער פראצעס איבער די 11 ארעסטאנטען, וועלכע האבען גענומען א אנטייל אין בונט אין שווענטא קזשיסקער קרימינאל.

זיי ווערען בעשולדיגט אין דער-הרג'ענען דעם טורמע-וועכטער כזשאנסטאווסקי. אלס פערטיידיגער טרעטען ארויס 6 אדוואקאטען, וועלכע ווערען צוגעטיילט פון געריכט אינסטאנץ. די פערהאנדלונג האט זיך פערצויגען ביז 2 ביינאכט.

דער אורטהייל ווערט ארויסגעטראגען מיטוואך דעם 4־ען ה. ח. לויט וועלכען דער ארעסטאנט וולאדיסלאוו פאטשטא ווערט פעראורטיילט צום טויט, 8 ארעסטירטע אויף אייביגע טורמע, 2 ארעסטירטע ווערען פרייגעשפראכען.

דער צום טויט־פעראורטיילטער האט זיך געווענדעט נאך בעגנעדיגונג צום מלוכה פרעזידענט, אין פאל פון אבזאג וועט דער אורטהייל אויסגעפיהרט ווערען אין פערלויף פון 24 שעה.

## פער'משפט א קאנדוקטאר

פאריגען פרייטאג איז אין היגען קרייז-געריכט אינטער'ן פארזיץ פון וויצע פרעזעס מארקאווסקי בעטראכט געווארען דער פראצעס געגען קאנדוקטאר פון די וואנסקאטאראווער קאלעיקי ה' יוזעף לעשטשינסקי.

אין יאהר 1923 האט דער קאנדוקטאר לעשטשינסקי געפיהרט א צוג פון יענדזשעוו קיין קיא און האט נישט געמאלדען דעם ארויספאהר פון זיין צוג, אויף דער געהעריגער סטאציע, וואס האט פעראורזאכט א קאטאסטראפע מיט דעם צוג וואס איז ארויסגעפאהרען פון קיא. דער רעזולטאט פון דער דעמאלסדיגער קאטאסטראפע איז געווען, עס זענען פערניכטעט געווארען ביידע לאקאמאטיווען און 5 וואגאנען, אויך זענען פערוואונדערט געווארען 4 פערזאהן און דער מאשיניסט פון צוג רעבעשקא איז גע'הרג'עט געווארען.

נאכ'ן אויסהערען די עדות, האט דאס קרייז- געריכט נאך א לענגערע בעראטונג ארויסגעטראגען א אורטייל לויט וועלכע דער קאנדוקטאר לעשטשינסקי ווערט פער'משפט אויף א יאהר טורמע און צו פערלירען די רעכט.

דער קאנדוקטאר פון 2-טן צוג איז פרייגעשפראכען געווארען.

## אינטערעסאנטער רעפעראט

לויט דער איניציאטיוו פון דער פערוואלטונג פון דער יודישער ביבליאטעק וועט שבת דעם 7-טן נאוועמבער אין לאקאל פון יודישען האנדווערקער פעראיין פארקומען א רעפעראט פון ה' קראקאווער א. ד. ט. „ראבינדראנאט טאגארא" אלס דערלייזער פון מאדערנעם מענש. דער רעפעראט האט דא ארויגערופען א געוויסע פעראינטערעסירונג.

## א ש ר י פ ה

מיטוואך 12 אזייגער ביינאכט איז אויף אלט־ווארשאווער גאס 34 דורך אונפארזיכטיגקייט אויסגעבראכען א שריפה, וואס האט באלד ארומגעכאפט די גאנצע שטוב. די אנגעקומענע פייער לעשער איז געלונגען דאס פייער צו לאקאליזירען.

צו דער פערלאבונג פון אונזער ליבען זוהן מיט פריילין קארמאן ווינשען מיר עס זאל זיי אימער בעגלייטען גליק און צופרידענהייט.

פאטער און מוטער
וואקשלאג

עלקי קארמאן
ראדאם
נטע וואקשלאג
קעלץ
פערלאבט
אקטאבער 1925

צום פערלאבונג פון אונזער ליבען ברודער מיט פריילין קארמאן ווינשען מיר א גליקליך צוזאמענלעבען על הרי יהודה וירושלים.

געשוויסטער, ברודער און שוועסטער
וואקשלאג

צו דער פערלאבונג פון מיין אינטימען פריינד און חבר נטע וואקשלאג קעלץ מיט פר"ל עלטשע קארמאן פון ראדאם וואונש איך זיי א בליהענדע צוקונפט און א הערצליכען צאתכם לשלום אין לא־ד פון אונזערע אבות.

חיים זיסלאני קעלץ.

צו דער פערלאבונג פון ה' נטע וואקשלאג מיט פריילין קארמאן ווינשען מיר זיי פיל גליק און פרייד.

ד"ר א. סערוועטניק און פרוי.

צו דער פערלאבונג פון אונזער ליבען חבר נטע וואקשלאג פון קעלץ מיט פר"ל עלטשע קארמאן פון ראדאם וואונשט א הערצליכען מזל־טוב און א גליקליכע צוקונפט אויף די בערג פון ציון. דער קאמיטעט פון החלוץ המזרחי אין קעלץ,
ש. קאמינער,
ג. ראפאפארט, מ. פערל, ח. בעסענדארף.

פון דער ציוניסטישער ארגאניזאציע אין ראדאם היינט פרייטאג דעם 6 ליסטאפאד אום 7 אווענד פינקטליך קומט פאר א רעפעראט פון פראפ. מושקאבליט א. ד. ט. „דער רבי און דער תלמיד".
איינגאנג פאר מיטגלידער

MAGISTRAT MIASTA RADOMIA

poszukuje w obrębie miasta realności, składającej się z 20 do 30 ubikacji mieszkalnych, które mogłyby być użytemi na mieszkania i biura, kilku ubikacji nadających się na magazyny i warsztaty, podwórza o powierzchni około 6000 m². Wszystkie ubikacje musiałyby być w razie kupna opróżnione.

Oferty z podaniem ceny należy wnosić do Magistratu do dnia 15-go listopada 1925 r.

Magistrat miasta Radomia.

הרב והבד"צ בקילצי.
קילצי, יום י"א מרחשון תרפ"ו.

ב"ה

מודעה.

הרב והבד"צ זענען מודיע די יודישע בעפעלקערונג אין קעלץ, דאס די יאטקע פון קצב גרשון מאנעלא (אלטע ווארשעווער פרזעדמ. 21) געפונט זיך געגצליך נישט אונטער דער השגחה פון ראבינאט. דעריבער זאל קיינער דארט נישט קויפען קיין כשר-פלייש.

דער קעלצער ראבינאט.

שיך, און דער דינער זיינער איז אנשטאט וואנסעס, געוועזן איינגעשמירט מיט שווארצע שמינקע, אין יעדערעס מאהל געחאפט א בליק אין שיפלאר— קאסטען צו הערען עפיס א ווארט הכלל וואס זאל איך אייך זאגען; כ'האב געזעהן, אז ס'איז נישט מעהר ווי א טעאטער-שפיל. זעהט איהר, אין קינא איז גאר עפיס אנדערש, איך ווייס נישט פארוואס מיך ציהט נור אהין? עפיס אלץ איז דארט אזוי היימיש, אזוי אינטים, איך האב ליב צו קוקען אויף דעם אלטען בילעטער, וועלכער זיצט שטענדיג ביים אריינגאנג אויף פאטער־שטוהל, זעהט אויס ווי דער אלטער קעניג—ליר... און די פראנ־ראמקעס קוקען איהם שטאלץ מייסטעטיש פון דער אויבערשט בוזים—קעשענע ארויס און שטאלצירט.

— נישט פאר ארימע זענען מיר, אונז קויפען נור רייכע, צארטע ווייכע פינגער גלעטען אונז... און ווי נור איך קים אריין אין זאל, זעץ איך מיך באלד די לעצטע רייה, איך האב פיינד דעם אויבען-אן, דא מאך איך מיר בעקוועם, טהו אויס דעם הוט מאך מיר אויף דעם פאלטען, גיב א בריי־טען געניץ, און אויף די פלאכטע לויפען בילדער, דא בין איך פאריזש, דא אין אמעריקא, דא אין אינדיען, דאס אויג זעהט דאך עפיס, דא נעפי איך מיך צווישען פאריזער אפאשען, אין דא אין סאלאנען צוויטען בארא־נען און באראנעסעס, ווי די גרעסטע אינטריגעס ווערען אפגעשפילט, ווערט ס'קינא-אפאראד'ל דארט עפיס קאליע אויף דער פלאכטע, ווייזט זיך נישט אזוי גיט, הויב איך אן טאנפערען מיט די פיס, קיינער וועט נישט וואגען מיך צו בעליידיגען, אויך אין קינא איז נישט פערהאנען אפגעשפילט אין געהט אהיים, וויל איך, זיץ איך מיר נאך א שעה, אין נאך א שעה, ווער איך שלעפעריג, כאפ איך אויך א דרימעל, הא עפיס שלעכט צי שלאפען ווען אין זאל איז פינסטער און די מוזיק שפילט? איך זאג אייך א אמת'דיג פערגעניגען.

ענטשולדיגט איך האב קיין צייט נישט מעהר, איך געה אין קינא.

קעניג—שווארץ

Udziela lekcji języka NIEMIECKIEGO
Jnżynier WOJCIECH WŁODEK
ul. Lubelska 58 II-gie piętro

## יעדע ווירטין דאַרף וויסען,

אַז אַ ווייסע פּאַדלאָגע קען מען אָפּפאַרבען אין פערלויף פון איין שעה אויף די קאָלירען: רויט און נוס-טונקעל מיט דער הילף פון דער אַי-בעראַל-בעקאַנטער זאַפּראַווע

„Jaśniej Słońca“

אַז דאָס איז נישט קיין פּוסטע רעקלאַמע, קען זיך יעדער איבערצייגען
מיט אַ קליינער אויסגאַבע.
פערקויף אין אַפּטייק-סקלאַדעס, זייף און פאַרב-געשעפטען.
Fabryka przetworów techno-chemicznych
„MARY“ Warszawa, Dzielna 48, tel. 286-51.

## שטייער הנהות

ווי דער ראַדאָמער סוחרים-פעראיין ווערט געוואויר אין „אוזשאַנד סקאַרבאָווי“ ועט דער אומזאַץ שטייער צאָליגט ווערען אויף 3 ראַטעס

1 ראַטע ביז'ן 10 טען נאָוועמבער 1925
2 ראַטע „ „ „ דעצעמבער „
און 3 ראַטע „ 31-טען יאַנואר 1926

דער הכנסה שטייער ווערט צוטיילט אויף 2 ראַטעס

די 1-ראַטע ביז'ן 15—טן נאָוועמבער ה. י.
די 2 ראַטע ביז'ן 15—טן דעצעמבער ה. י.

ווער עס וועט אין די איבענדערמאָנטע טערמינען נישט צאָהלען פונקטליך, פערלירט דאָס רעכט אויף ראַטעס.

די ראַטעס צאָהלט מען אָהן וועלכער ס'איז שטראָף.

צאָהן-דאָקטערין
ה. ראקאטש
ראַדאָם, שעראָקאַ 7.

## „יום“

ביטעס-שריפט-ביורא, קעלץ קילינסקי גאס 8
ערלעדיגט אַלעראַרט ביטעס, רעקורסן זעזגאַניעס

### בעקאַנטמאַכונג

איך מאַך בעקאַנט דאס געעהרטע פּוב ליקום דאס איך פערטיג אויס אין 10 מינוט פערשיעדענע פאטאגראפיעס און אויף פעכער צו ביליגע פרייזען

מיט אכטונג ש. פעלדמאַן
ראדאם מאַלא 5

### אכטונג קעלץ!

איך בעזיץ א גרויסען לאגער קוילען, קאקס פון די בעסטע סארטען ווי „פלארא“, ‚קאזשימיעזש‘, ‚רענארד‘ בעמערקונג. גוטע בעהאַנדלונג גאראנטירטע וואָג.

מיט אַכטונג
*firma „OPAŁ”*
ul. Nowa Warszawska 7

Z Intencji zaślubin mojej przyjaciółki P. **Ity Koperówny** z p. **Natanem Rychtmanem** składa serdeczne życzenia
**Rozalja Dyrektorówna**

## ROZLEWNIA ESENCJI OCTOWEJ
**ROZENBERG,** Kielce, Aleksandra 1

דערמיט מאַך איך בעקאַנט די ג. קונדן אין קעלץ און אין קעלצער אומגעגענד דאָס אין מיין פאַבריק בעקומט מען עסיג-עסענץ גאַראַנטירט 80 %
צו בעקומען אין מיין פאַבריק'ס לאַגער אַלעקסאַנדער גאַס № 1
ר ע י ע ל ע פ ר י י ז ע ן
און גוטע בעדינגונגען

## טעאַטער-זאַל „ראָמאַיאַשטשי“ ראַדאָם

פרייטאג דעם 6-טן ליסטאָפּאַד ה. י.

# אַגרויסער קאַנצערט
# פון יאַדוויגאַ זאַלעסקאַ

אויסגעצייכענטע פּיאַניסטקע. מיט'ן אַנטייל פון די ארטיסטען פון דער וואַרשאַווער אָפּערע: זאָפיאַ דאַבראָוואָלסקאַ-פּאַוולאָווסקאַ (סאָפּראַן) מיעטשיסלאַוו סאַלעצקי (לירישער טענאָר)
ביים פאָרטעפּיאַן: י. זוויאַזדאָווסקאַ. אנפאנג 8.30 אווענד
בילעטען צו בעקומען ביי ה' טאָמאַנעק און אין קאַסע פון טעאַטער.

## Teatr POLSKI KIELCE

פרייטאג דעם 6-טן ה. ה. וועט אונטער דער לייטונג פון אַנדזשיי מאַרק אויסגעפירט ווערען די פיעסע פון ש ל ו ם א ש אין פוילישען

# מאַטקע גנב
3 אקטען מיט אַ פּראָלאָג

שבת דעם 7-טען ה. י. ווערט אויסגעפירט
# גאָט פון נקמה
אין 3 אקטען

אנפאנג פונקטליך 8.30 אווענד. בילעטען אין קאסע פון טעאַטער

## Kino „ODEON“ Radom

פון 5-טן ביז'ן 8-טן געהט דאָס בעריהמטע בילד

# ZŁOTY CIELEC

אין דער הויפּט-ראָל **HENNY PORTEN**

Kino
„PHENOMEN”
KIELCE

DZIŚ I DNI NASTĘPNYCH

# MALVA

Dramat erotyczny w 8-miu wielkich aktach o niezwykle ciekawej treści i niepospolitej gry artysów w roli piękna, młodziutka gwiazda ekranów
LYA DE PUTTI

KINO
„PANI“
Kielce.

Dziś i dni następnych
Wielki sensacyjny dramat w 8 aktach z prologiem

# Most Jęków
(Przez pałace i więzienia St. Marco)

podług powieści Michele Zevaco
W roli głównej
**Lucjano Albertini**

# בעריכט פון פינאַנץ און סטאַטיסטישער טהעטיגקייט

## פון דער קראַנקען-קאַסע אין ראַדאָם במשך פון 9|1 1924 ביז דעם 9|1 1925

די קראַנקען קאַסע אין ראַדאם האָט געהאַט אין איהר בעזיץ דעם 1924 1/9

פערזיכערונג'ס-מיטגלידער — — 7.534
פאַמיליען — — 12.227

צוזאַמען בערעכטיגטע 19.761

דעם 1925 I/IX

פערזיכערונג'ס-מיטגלידער — — 10.855
פאַמיליעס — — 14.539

צוזאַמען בערעכטיגטע 25.394

במשך פון דער בעריכט'ס-צייט איז צוגעקומען

פערזיכערונג'ס-מיטגלידער — — 3.321
פאַמיליעס — — 2.312

אַלגעמיינע סומע פון צוגעשריבענע מיטגליד'ס-אַבצאָהלונגען

במשך פון דער בעריכט'ס-צייט האָט די סומע בעטראָפען 889.047.66 זל.
איינקאַסירט — — 822.958.95 „

פערלעגענע חובות ביז דעם I/IX 66.088.71 זל.

דאָס מאַכט אויס 8% פון די אַלגעמיינע סומע

אין די צייט פון בעריכט'ס טעטיגקייט איז אויסגעגעבען געוואָרען;

### 1) אויף הילפס—מיטלען לויט'ן אוסטאַוו

א) אויף געלד—שטיצע אין די צייט פון נישט פעהיג זיין צו דער אַרבייט (36531 טעג) — 94,047,47 זל.
ב) געלד—שטיצעס פאַר קינפעטאָרינס (5064 טעג) — 12,536,90 „
ג) ערנעהרונגס—הילף פאַר (92400 טעג) — 13,233,40 „
ד) אויף לויה-הוצאות פאַר (389 פערזאָהן) — 19,571,77 „
ה) ריטשאַלטאָ פאַר דאָקטוירים און געהילפס פערסאָנאַל (105,588 וויזיטען, 1 וויזיט קאָסט 1,51 זל.) — 159,596,74 „
ו) פאַר'ן צופאָהרען פון די דאָקטוירים צו די קראַנקע אין שטוב (פאַר 11,463 וויזיטען, דורכשניטליך קאָסט 1 וויזיט מיט נעבען-הוצאות 8,97) — 102,823,56 „
ז) אויף הייל—מיטלען (ס'איז אַרויסגעגעבען געוואָרען 88,449 רעצעפטען, (דער דורכשניטליכער בעטרעף פון איין רעצעפט — 73 גר.) — 64,302,09 „
ח) פרעמדע שפיטעלער (737 פערזאָהן דורך 2,180 טעג) — 98,114,50 „
ט) קאָסטען פאַר אקושערקעס (998 געבורטען) — 30,420,00 „
י) פאַר אַרויספאָהרען פון די קראַנקע אין דאָרף און אויף קוראַצ'ע-ערטער (פאַר 70 פערזאָהן) — 5,608,24 „

600,269,67 זל.

דאָס מאַכט אויס 67% פון דער אַלגעמיינער צושריפט
„ „ „ 73% פון איינקאַסירטען אַבצאָהל

### 2) אַדמיניסטראַציע—קאָסטען

א) פערסאָנאַל — 55,615,60 זל.
ב) זיצונגס-קאָסטען פון דער קאַסע-אינסטאַנץ — 6,122,50 „
ג) זאַכליכע קאָסטען, הייצונג, בעלויכטונג, טעלעפאָהן, פּאָרטא, אַנאָנסען, א. אנד. — 16 206,05 „
ד) אַדמיניסטראַציע פון אייגענע אונבעוועגליכע זאַכען — 5,320,25 „

83,264,40 זל.

דאָס מאַכט אויס 9.30% פונ'ם אַלגעמיינעם צושריפט
„ „ „ 10% „ איינקאַסירטען אַבצאָהל

### 3) אַלגעמיינע קאָסטען

אַבצאָהל פאַר'ן פעראיין, קאַסע, עקזעקוציעס, פראָצענטער א. אנד. — 15,085,09 זל.

אין אַלגעמיין בעטרעפען די אויסגאַבען — 698,619,16 זל.

די אויסגאַבען אין פערגלייך צום צושריפט מאַכען אויס 78.40%
אין פערגלייך פון איינקאַסירטען אַבצאָהל 85%

### אינוועסטיציע

1) קייפען א שטח ערד אויף דער נייער וועלט אונטער דעם אמבולאטאריום — 8.000 זל.
2) איבערבויען דעם צענטראַלען אמבולאטאריום כדי צו צו-פאסען צו די נייעסטע הייל-בעדערפענישן ווי אויך צו פערגרעסערען די צאהל קאבינעטען—בערך — 75,000 „
3) איינקויפען נייע איינריכטונגען פאר'ן חירורגישען אמבולאטאריום, גינעקאלאגישען, דענטיסטישען א. אנד. — 8,000 „
4) האנד-געלד אויף רענטגענאלאגישע אפאראטען צו היילען פיזיש-טעראפעטיש אויף א אלגעמיינע סומע 23,000. — 6,600 „
5) פאר איינקויפען פערזאנען פערד-אויטא — 5,000 „
6) פאר איינקויפען א נייער קאטש פאר די דאקטוירים — 2,000 „
7) אויפגעשטעלען א געבויט הייזעל אויף א זומער-קאלאָניע פאר קינדער אויפ'ן ארענדירטען טייל וואלד אין ראַיעץ — 2,600 „
8) איינגעקויפט איין טהייל פון די קינדער-קאלאניע אין בוסק. — 5,000 „

### פערמעגענס בעשטאַנד פון דער קאַסע (פרובע-בילאַנס) דעם 1925 1/9

| אַקטיווער בעשטאַנד | | פּאַסיווער בעשטאַנד |
|---|---|---|
| 2 342,61 | באַרעס געלד אין קאסע | |
| 55,194,65 | געלד פון ארבייטסגעבער פון געגענווערטיגע אבצאהלונגען | |
| 10,894,06 | געלד פאר פערלעגענע אבצאהלינגען | |
| 5,909,27 | לאקאציעס, און דעפאזיטען | |
| 33,647,63 | בעלי חובות און קרעדיטען | |
| 35,021,99 | דורכלויפענדע סומע | 30,962,14 זל. — |
| 69,580,28 | בעוועגליכע און אונבעוועגליכע זאכן | 4,772,73 „ — |
| 19,822,07 | דער ווערט פון הייל-מיטלען אין דער אייגענער אפטייק. | |
| | רעזערוו-באנד 1924 י. | 129,245,25 „ — |
| | „ „ 1925 י. | 67,432,44 „ — |
| 232,412,56 זל. | | 232,412,56 זל. — |

**Zarzad Pow. KASY CHORYCH w Radomiu.**

Redaktor i Wydawca CH. M. HERC
Druk. „Radomer-Kielcer Leben“ Radom Szwarlikowska 20.